גרויסער מילשטיין וואָלט געלייגט געוואָרן אויף
זיין האַלז, און ער וואָלט געוואָרפֿן געוואָרן אין
43 ים אַריין. און אויב דיין האַנט פֿאַרפֿירט דיך צום
שטרויכלען, האַק זי אָפּ! עס איז בעסער פֿאַר דיר
אַריינצוגיין אין לעבן אַריין אַ קאַליקע, ווי צו
האָבן דיינע ביידע הענט און צו גיין אין גיהנום
אַריין—אין דעם פֿייער, וואָס לעשט זיך נישט אויס,
44 וואו זייער וואָרם שטאַרבט נישט, און דאָס פֿייער
45 ווערט נישט פֿאַרלאָשן. (ישעיהו סו׳, כד׳.) און אויב
דיין פֿוס פֿאַרפֿירט דיך צום שטרויכלען, האַק
אים אָפּ! עס איז בעסער פֿאַר דיר אַריינצוגיין אין
לעבן לאָם, ווי צו האָבן דיינע ביידע פֿיס און
46 אַריינגעוואָרפֿן צו ווערן אין גיהנום, וואו זייער
וואָרעם שטאַרבט נישט, און דאָס פֿייער ווערט נישט
47 פֿאַרלאָשן. און אויב דיין אויג פֿאַרפֿירט דיך צום
שטרויכלען, נעם עס אַרויס! עס איז בעסער פֿאַר
דיר אַריינצוגיין אין ג־טס קעניגרייך מיט איין
אויג, ווי צו האָבן צוויי אויגן און געוואָרפֿן צו
48 ווערן אין גיהנום אַריין, וואו זייער וואָרעם שטאַרבט
נישט, און דאָס פֿייער ווערט נישט פֿאַרלאָשן.
49 וואָרום יעדער איינער מוז געזאַלצן ווערן מיט
50 פֿייער. דאָס זאַלץ איז גוט; אויב אָבער דאָס זאַלץ
ווערט אומגעזאַלצן, מיט וואָס וועט איר עס ווירצן?
האָט זאַלץ אין זיך, און לעבט בשלום איינער מיט
דעם אַנדערן.

## קאַפּיטל צען

1 און ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דאָרטן, און איז
געקומען צו די גרענעצן פֿון יהודה און פֿון עבר
הירדן; און ווידער האָבן המונים מענטשן זיך
פֿאַרזאַמלט ביי אים; און ווי געוויינטלעך, האָט ער